**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/3/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 3.2 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט אויף צו אפגרעיד׳ען קאקסעקי סטעיט שיף ארויספאר פונקט און ריווערסייד פארק**

***ווידער-אויפגעלעבטע וואסער-ברעג פארק וועט פארבעסערן אנגייענדע באנייאונג פון גרין קאונטי ווילעדזש; הייבט וואסער-באזירטע צוטריט און פארברענגונג***

***זעהט [אויסגעמאלטע מוסטערן](#) פון דער אויפדאסניי-דעזיגנירטער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 3.2 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט צו ווידער-אויפלעבן דער קאקסעקי סטעיט שיף ארויספאר פונקט און ריווערסייד פארק אויף דער הודסאן טייך אין גרין קאונטי. דער פראיעקט וועט זיין דער ערשטער שיף ארויספאר פונקט באנייט צו ווערן אונטער דער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט, אן איניציאטיוו צו פארבעסערן פובליק צוגענגליכקייט און באפעסטיגונג אויף דער ווילדער שטרעקע פון דעם הודסאן טייך צווישן אלבאני און קינגסטאן און פארבעסערן פארבינדונגען צו די וואסער-ברעג קאמיוניטיס אין דעם ראיאן.

״דער איבערשטער טייל הודסאן טייך אויסגאס, א 60-מייליגע שטרעקע פון דער הודסאן טייך פון אלבאני ביז קינגסטאן, איז א וועלטס-באדייטנדע עקאלאגישע און פארוויילונגס פארמעגנס,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט טוט אנבאטן דער געלעגנהייט צו שאפן אן אומפארגלייכבארע דעסטינאציע, א וואסער-באזירטע לענגליכער פארק וועלכס וועט צוציען מער מענטשן צו דער הודסאן טייך און בעסער באהעפטן קאמיוניטיס צו דער וואסער-ברעג און וואסער-וועג רייזע פארער, אנגעהויבן מיט דער ווילעדזש פון קאקסעקי. אין צוגאב טוען שוין די נייע פארבעסערונגען צו דעם ׳פערי לענדינג פישינג עקסעס סייט׳ אויף דער מזרח ברעג פון דעם הודסאן ברענגען מער ארטיגע איינוואוינער און באזוכער צוגלייך צו דעם טייך אויף צו געניסן פון דער נאטור.״

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט דער פארענדיגונג פון 900,000 דאלער אין פארבעסערונגען צו דעם ׳פערי לענדינג פישינג עקסעס סייט׳ אויפ׳ן אנדערן זייט הודסאן טייך אין דער קאלומביע קאונטי טאון סטייוועסענט, וועלכס ערגאנצעט דער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט פראיעקט. דער פאפולערער ארט שטעלט צו פובליק צוטריט פאר פישכאפן אינערהאלב דער [*סטאקפארט שטאנדטייל ארט*](#) פון דער הודסאן טייך נאציאנאלע אויסגאס פארשונג רעזערוו.

דאס איבערבויען פון דעם קאקסעקי סטעיט שיף ארויספאר פונקט און ריווערסייד פארק, וועלכס וועט סערווירן אלס דער צענטראלער פובליק הארץ פון דעם ווילעדזש, וועט פארבעסערן די אנגייענדע ווידער-אויפלעבונג פון דעם ווילעדזש. קאנסטרוקציע איז באשטימט זיך אנצוהייבן סעפטעמבער 7 און פארענדיגט ווערן ביז פרילינג 2022. פובליק צוטריט צו דעם ארט וועט זיין פארמאכט אין לויף פון דער קאנסטרוקציע.

ארט פארבעסערונגען וועלן ארייננעמען:

- נייע אפן-לופטיגע פאוויליאן פאר וועכנטליכע פא‏ַרמערס מארקעטס און אנדערע ספעציעלע פארקומענישן
- נייע ביימער, לענדסקעיפינג, און זיצונגען לענגאויס דעם ארט
- פארבעסערטע ביציקל און פוסגייער באהעפטונגען צווישן דער וואסער-ברעג און דאונטאון, ווי אויך נייע סיידוואקס צו פארבעסערן פוסגייער ארט צירקולירונג אומעטום
- נייע אויפנאמע, וועג-געפונען, און אריענטאציע שילדן ארייגערעכנט ארט אידענטיפיקאציע שילדן אויף די וואסער זייט פאר שיפלער, אויסטייטש שילדן, און אנדערע ארט עלעמענטן אויף ארויסצוהייבן ארטיגע היסטאריע און דער ענווייראנמענטאלע אויפריכטונגען אויף דער הודסאן טייך
- ב·עסקעטב·אל קאָורט רענאוואציעס

דער פראיעקט וועט רענאווירן און מאדערניזירן די עקזיסטירנדע שיף ארויספאר פונקט מיט נייע שוועביגע דורכגאנגען און דאקס צו מאכן דאס ארויספארן גרינגער; א נייע ADA-אויספאלגנדע קא‏ַיא‏ַק ארויספאר פונקט; און מער פלאץ פאר פארבייגייענדע שיפלער פארהאלטונגען. ענווייראנמענטאלע פארבעסערונגען רעכענען אריין א נייע שיף-וואש סטאנציע צו רעדוצירן דער פארשפרייטונג פון אריינדרינגענדע וואסער-זגאל, א רעגן גארטען צו קאנטראלירן שטורעם-וואסער, עלעקטרישע וויהיקל טשארדזשינג סטאנציע, און LED לעמפל-ארמאטורן.

די ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט דעזיגנירט א נייע סטעיט פארוויילונגס ארט, פאקוסירט אויף וואסער-באזירטע צוטריט און פארוויילונגען. אונטער דער איניציאטיוו וועלן נאך פינף סטעיט שיף ארויספאר פונקטן -- ביי קאקסעקי סטעיט שיף ארויספאר פונקט, שאודעק איילענד סטעיט פארק, קרעילא סטעיט היסטארישער ארט, אטענס סטעיט שיף ארויספאר פונקט, הודסאן סטעיט שיף ארויספאר פונקט -- וועלן באקומען אפגרעידס, פארברייטערן צוטריט פאר שיפלעריי, פישכאפן, און בעלי-חיים-וועלט אבסערוואציע.

פאקעט פארק באקוועמליכקייטן וועלן אויך ווערן צוגעלייגט, ארייגערעכנט פיקניק ערטער, געזיב·אָס, רחבות׳דיגע זיץ-ערטער, און שילדן וועגן דערבייאיגע ארטיגע באקוועמליכקייטן. אין צוגאב שליסט זיך אן ניו יארק סטעיט מיט ׳סיניק הודסאן׳ צו שאפן א נייע 500-עיקערדיגע סטעיט פארק אין קינגסטאן אויפ׳ן הודסאן טייך. די ערטער וועלן זיין באהאפטן מיט שותפות׳דיגע ברענדינג, אויסלערן מאטעריאלן, און וועבזייטל. צוקונפטיגע פארבעסערונגען זענען אנגעוויזן אויף ווײלער באשטעטיגונג פון די 3 ביליאן דאלערדיגע [׳אויפריכטן מוטער-נאטור ב·א נד אקט׳](), וועלכס וועט ווערן ארייגערעכנט אויפ׳ן בעלאט אין 2022.

״דער פראיעקט איז א באגייסטערנדע ערשטע טריט אויף בעסער אנטוויקלען דער פארוויילונג און אויסשול פאטענציעל פון דער הודסאן טייך,״ **האט געזאגט סטעיט פארקס קאמישענער עריק קולעסייד.** ״ניו יארק סטעיט׳ס ארבעט צו שטיצן ריינערע לופט און וואסער, און באשיצן אפן-לופטיגע פלעצער, האט געהאלפן פירן דאס אומקער פון וואקסנדע צאלן ב·אָלד-איגעלס צו דער הודסאן טייך וואלי. דער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט וועט אנערקענען דער ריזיגע ענווייראנמענטאלע אויפטו, פארבעסערן צוטריט פאר אקטיווע פארוויילונג גרופעס, העכערן באפעסטיגונג, און אינספירירן מער ניו יארקערס הנאה צו האבן פון דער נאטורליכע וועלט און עס צו באשיצן.״

״דער הודסאן טייך׳ס באאיינדרוקספולע פארשידנמיניגקייט פון פיש און בעלי-חיים און מאיעסטעטישע נאטורליכע פאנאראמע ציען פישכאפער צו אירע וואסערן אין יעדן סעזאן,״ **האט געזאגט ענווייראנמענטאל קאנסערוועישען קאמישענער באסיל סעגאוס.** ״די פארבעסערונגען צו דער ׳פערי לענדינג פישינג עקסעס סייט׳ היינט אנאנסירט וועט צושטעלן זיכערע און באקוועמע צוטריט צו דער הודסאן טייך פאר פישכאפער פון אלע שטאפלען פעאיגקייטן. די פארבעסערונגען זענען אויסגעשטעלט

צו בעסער סערווירן אלע באזוכער וועלכע ווילן געניסן פון ניו יארק׳ס גרויסע דרויסנדיגע שטרעקעס און ערגאנצן דער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט, דורך ברענגען מער באזוכער צו דער וואסער-ברעג צו געניסן פון דער שטוינענדע נאטורליכע רעסורס.״

**פארבעסערונגען צו דעם DEC ׳פערי לענדינג פישינג עקסעס סייט׳**

פאנדינג פאר דעם ׳פערי לענדינג פישינג עקסעס סייט׳ איז צוגעשטעלט געווארן דורך דער סטעיט׳ס ׳עדווענטשור ען-וויי׳ איניציאטיוו צו באהעפטן מער ניו יארקערס מיט דער נאטור. פארבעסערונגען וועלן צושטעלן באזוכער מיט זיכערע און צוגענגליכע פישכאפן געלעגנהייטן און אין דער זעלבער צייט העלפן פארמיידן די אנגייענדע אפשווענקונג פון דער ברעג-ליניע. פארבעסערונגען רעכענען אריין:

- קאנסטרוקציע פון א נייע צוגענגליכע פערמאנענט געבויטע פישכאפן פּיער 61 פיס לאנג און 10 פיס ברייט.
- פארשטערקערן דער עקזיסטירנדע געהילץ וועלכע לענגאויס דער מזרח ברעגע פון דעם טייך
- א 315-פוסיגע אויסהאלטבארע ברעג-ליניע אויף דער דרום זייט פון דעם ארט צו פארמיידן וייטערדיגע אפשווענקונג פון דעם ראוד און צושטעלן מער בעלי-חיים-האביטאט נעבן דער ברעגע

ווילעדזש אָוו קאקסעקי מעיאר מארק עווענס האט געזאגט, ״דער ווילעדזש אָוו קאקסעקי פריידט זיך זייער צו זען די העכסט-נויטיגע רענאוואציע וואס קומט פאר ביי ריווערסייד פארק. דער נייער פאוויליאן, פארברייטערטע דאק פלאץ, קאַיאַק ארויספאר פונקט, און פארבעסערטע פוסגייער-וועגלעך זענען נאר עטליכע פון די איינצלהייטן וועלכע איינוואוינער האבן אונז געזאגט במשך די יארן אז זיי ווילן זען צוגעלייגט צו דעם פארק. דאס וועט טרייבן דער שוין-פון-פריער-ערפאלגרייכע וועכנטליכע פאַרמערס מארקעט, ריווערסייד פעסטיוועל, וועכנטליכע מוזיק אין דער פארק סעריע, און דזשענערעיט׳ען מער שיף און וואסער-פארצייג טראפיק צו די דאקס און דאונטאון.״

עווענס האט געזאגט ווייטער, ״מיר ווילן באדאנקען דער סטעיט פארקס פאר׳ן מיטארבעטן מיט אונז און אונז ערלויבן צו האבן א מיינונג אין די אייגנשאפטן און פלאנירונג. דער דאזיגער אפגרעיד וועט ערמעגליכן פאר מער צוגענגליכקייט און פארברייטערטע באניץ פון דעם פארק פאר דער קומענדער דור, און באהעפט זיך מיט דער וואסערפראנט ווידער-אנטוויקלונג וואס קומט פאר אין דער דאונטאון קאקסעקי געגנט.״

**סענאטארקע מישעל הינטשי האט געזאגט,** ״ווידער-אויפלעבן דער קאקסעקי סטעיט שיף ארויספאר פונקט און ריווערסייד פארק אויף איר פולסטן פאטענציעל איז א קריטיש-וויכטיג באמיאונג וועלכס וועט פארבעסערן פובליק צוגענגליכקייט צו דער געוואלדיגער ברייטער ריי נאטור-באזירטע אקטיוויטעטן וואס אונזער ראיאן האט אנצובאטן און פארשטערקערן עקאנאמישע באציאונגען צו אונזער ארטיגע ביזנעס קאמיוניטי. היינט מער פון אלעמאל טוען מיר אנערקענען די ריזיגע ווערט פון אונזערע פארקס און פארוויילונגס פלעצער אלס שטחים וועלכע פארבעסערן דער געזונט און וואוילזיין פון אונזער אָפּ-סטעיט׳יגע קאמיוניטיס און דער כללות׳דיגער עקאנאמישער און ענווייראנמענטאלישער לעבנסקראפט פון אונזער ראיאן. איך בין באגייסטערט אז דער פראיעקט ציעט זיך אויף פאראויס כדי אז דער הערליכער שטרעקע לאנד און טייך וועלן ווייטער זיין אהערגעשטעלט אויף הנאה צו האבן דורך אונזערע גרין קאונטי קאמיוניטי אויף פילע יארן אין דער צוקונפט.״

**אסעמבלי מיטגליד קריס טעיג האט געזאגט,** ״ דער פראיעקט איז א צופרידנשטעלנדע וועלכס וועלכע וועט העכערן דאס באניץ און געניסבארקייט פון דער קאקסעקי סטעיט שיף ארויספאר פונקט און ריווערסייד פארק פאר פאמיליעס לענגאויס דעם ראיאן, און עס מער באפעסטיגן קעגן אויסניץ-שאדן כדי אז צוקונפטיגע דורות וועלן קענען ווייטער געניסן פון אלץ וואס עס האט אנצובאטן. איך בין איבערהויפט באגייסטערט וועגן דאס צולייגן א פאוויליאן וועלכס וועט מער ערמעגליכן פאר׳ן פארק אויפצונעמען פאַרמערס מארקעטס און אנדערע ספעציעלע פארקומענישן, און געבן געלעגנהייטן פאר דער קאמיוניטי זיך צוזאמצוקומען און זעהן וואס ארטיגע פאַרמערס, פאכלייט, און ביזנעסער האבן צו פארקויפן.״

**דזשאן ליפסקאמב, ׳ריווערקיפער׳ פאטראל שיף קאפיטאן און וויצע פרעזידענט פאר אדוואקאטיר ארבעט, האט געזאגט,** ״ ׳ריווערקיפער׳ אפלאדירט דער איניציאטיוו דורך ניו יארק סטעיט צו פארבעסערן ריווערסייד פארק און דער שיף ארויספאר פונקט ביי קאקסעקי. די פארבעסערונגען, און ענליכע פראיעקטן פלאנירט פאר דער אויבערשטער טייל הודסאן טייך אויסגאס, זענען אן אמת׳ער פראקטפולער איניציאטיוו דורך ניו יארק סטעיט פארקס - צו שאפן דער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט. איינמאל עס וועט איינגעפירט ווערן וועט דער פארוויילונגס ארט שטיצן פיל געהעכערטע צוגענגליכקייט און פובליק אנערקענונג פאר דער ווילדער צפון דריטל פון דער הודסאן טייך אויסגאס. דאס, אין איר ריי, וועט בויען מער פובליק באוואוסטזיניגקייט און שטיצע פאר די העכסט-נויטיגע ענווייראנמענטאלע און עקאלאגישע באשיצונג. עס איז וואונדערבאר ווען דער פובליק און דער טייך וואס מיר אלע ליבן וועלן קענען אינאיינעם געניסן. ׳ריווערקיפער׳ קוקט ארויס אויף צו שטיצן דער וויכטיגער סטעיט איניציאטיוו אויף סיי וועלכן אופן מיר קענען.״

**נעד סוליוואן, פרעזידענט פון ׳סיניק הודסאן׳, האט געזאגט,** ״דער ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט טוט ארויסהייבן דער נאטור סביבה און שטוינענדע סצענישע קוואליטעט פון דער שטרעקע פון דער הודסאן טייך צווישן קינגסטאן און אלבאני. ׳סיניק הודסאן׳ אפלאדירט די ארבעט פון דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס אויף דאס מאכן די העכסט-נייטיגע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור צו מאכן ׳הודסאן איגעלס׳ פארוויילונגס ארט מער צוגענגליך און געניסבאר פאר׳ן פובליק.״

דער קאקסעקי סטעיט שיף ארויספאר פונקט פראיעקט איז א שטאנדטייל פון דער ׳ען-ווי פארקס 100׳ איניציאטיוו, א 440 מיליאן דאלערדיגע קאפיטאל אינוועסטירונג איבער א פיר-יאריגע צייט אפשניט אנצוצייכענען דער צענטעניאל פון דער סטעיט פארקס אקט אין 2024. די צילן פון ׳ען-ווי פארקס 100׳ זענען אויף צו אדרעסירן איבערפול, באקאנט מאכן באזוכענישן דורך אונטערסערווירטע קאמיוניטיס, פארבעסערן ארטיגע פארוויילונג און טוריזם, און אפהיטן ענווייראנמענטאלע און היסטארישע אייגנשאפטן.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזעען איבער 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און מער, וועלכע ווערן באזוכט דורך 78 מיליאן מענטשן יערליך. פאר מער אינפארמאציע אויף סיי וועלכע פון די פארוויילונגס ערטער, באזוכט *www/parks.ny.gov*, דאונלאד׳ט דעם אומזיסטער *NY State Parks Explorer מאביל עפ* אדער רופט 518.474.0456. אויך, פארבינדט אייך אויף *פעיסבוק*, *אינסטעגרעם* און *טוויטער*.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן